אוניווערסאל ביבליאטעק

י. ל. פרץ.

# אראפּ־
# געלאזטע
# אויגען

№ 4.

פרייז

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

840

אוניווערסאל ביבליאטעק
№ 4.

י. ל. פרץ.

# אראפגעלאזטע אויגען.

פארלאג „די צייט“ ליבוי.

תר״פ.
געדרוקט ביי א. גוטמאן, ליבוי, העלענעשטר. 8.

דרוק און פארלאג
א. גוטמאן, ליבוי, העלענען שטר. 8.

Адресъ издательства:
А. Гутманъ, Либава, Еленинская ул. 8.

# אראפּגעלאזטע אויגען.

.1

גאר גאר פארצייטען, האט עטליכע מייל אונ-
טער פראג געוואוינט אין א דארף איינער א ייד,
א געוויסער יחיאל-מיכל, וואס האט געהאלטען די
קרעטשמע אין דארף.

און דער פריץ איז נישט געווען קיין פּראסטער
פריץ, נאר א שם-דבר — א גראף, האט טאקע
יחיאל-מיכל געהאט פרנסה בשפע, ווי מען זאגט:
מיט א שמיץ, און איז געווארען א גאנצער „יש"
— א בעל-צדקה, א מכנית-אורח, און ימים-נוראים,
אז ער פלעגט אריינפארען קיין פראג, לאזט ער זיך
קאסטען אין שטאט. און קיין עם-הארץ איז
יחיאל-מיכל אויך נישט געווען, ווערט ער א שטי-
קעל איינגעהער ביים רב און ראש-ישיבה, קויפט
ער ביי אים אתרוגים, מצה-שמורה וכדומה......
בעט ער ביי אים בנים זכרים אויך. זעהט אבער
דער ראש-ישיבה ברוח-הקודש, אז דעם ייד איז
נישט באשערט קיין נחת פון קינדער, און בנים
זכרים, פון וועלכע מען האט קיין נחת נישט, איז

טאקע „טוב להם שלא נבראו", — זאלען זיי בע-סער אויף דער וועלט נישט קומען. זאגט ער אים פשט-פשוט אפ. פאלט יחיאל-מיכל אריין אין עצבות, טרויסט ער אים און זאגט אים: „דערפאר, יחיאל-מיכל, אז גאט וועט דיר העלפען, און וועסט אנקלויבען נדן כדבעי און וועסט קומען צו מיר און בעטען, וועל איך דיר אויסקלויבען אן איידימעל, אז דו וועסט קיין חרטה נישט האבען!"

נו, פארט ער אהיים א ביסעל געטרויסט. צוויי מיידלאך האט ער, מאכט ער זיך א קניפעל אויף נדן פריהער פאר דער עלטערער, דערנאך פאר דער יינגערער. מילא — איידימס בני-תורה איז אויך נישט קיין שפאס.

זאמעלט ער, און גאט העלפט. און אז ער קומט צו די ערשטע חמש מאות טאלער, זאגט ער צו דבשה'ן זיין ווייב:

— עס איז געקומען די צייט חתונה צו מאכען אונזער עלטערע טאכטער נחמה.

זאגט דבשה, אז עס איז זעהר גלייך. און מען רעכענט: דריי מאות נדוניא און שתי מאות אויף הלבשה און מתנות פאר חתן-כלה, חתונה-הוצאות, רח"ש וכדומה.... און א סעודה פאר ארימע לייט וועט מען מאכען — פראג זאל געדענקען!

נישט אזוי אבער געשווינד טוט זיך, ווי עס רעדט זיך, עס מאכען זיך, ווי דער שטייגער איז, מניעות.

דער פריץ שיקט אהין, שיקט אהער; דערווייל מא-
כען זיך שנייען און פארשיטען די וועגען; זומער
צייט פאלען רעגענס; קומט גאר אן חגא קאן
מען די קרעטשמע נישט פארלאזען.... מיט איין
ווארט, נישט אזוי געשווינד מאכט זיך עס, און
דערווייל, ווי דער שטיינער איז: א מענש דענקט,
און גאט לענקט......

.2

נחמה, דעם ארענדארס עלטערע טאכטער, איז אפילו זעהר ווערט צו באקומען א חתן פון פרא-גער ישיבה: א מיידעל - א גאלד, א גוטע נשמה, א שטילע. די גוטסקייט קוקט איר פון די שטילע אויגען ארויס, און זי לאזט זיך מדריך זיין, טאקע: וואס דער טאטע הײסט, וואס די מאמע הייסט און אלע גוטע פרומע לייט, וואס שטעלען זיך אפ אין קרעטשמע, הייסען.... זי נעמט חלה מיט כונה, בענשט שוין שבת-ליכט, זאגט שוין עברי טייטש ווי א וואסער, מיט איין ווארט: זי איז ווערט די חופה - שטאנגען.....

זי איז ווערט, ווערענד ביי דער יינגערער טאכ-טער שניידט זיך א ביסעל אין דער קרום. קיין שלעכטס, חס ושלום, נישט, נאר אזוי: עפעס א משונה׳דיגע בריאה, א פארטראכטע, א פאר׳חלומ׳טע, אלץ פאלט איר פון די הענט...

טיילמאל לאזט זי אראפ די ברעמען און געהט ארום מיט א בלאס פנים ווי א קרייד, ווי אויפ׳ן עולם הדמיון; רופט מען זי—גלייך מען וואלט זי פון יענער וועלט אראפגערופען, ציטערט זי און פאלט ממש פון די פיס.... און אמאל גיט זי א קוק אויף א מענשען מיט אזוינע אויגען, מיט אזוינע שטארקע און שטעכענדיגע אויגען, אז עס ווערט

פשוט נישט היימליך!

און א התחלה פון מדות מגונות אויך: עס איז זי ניט אפצורייסען פון קרעטשמע, בפרט ביי נאכט, ווען מען שפּילט און טאנצט. גאנצע נעכט וואלט זי געזעסען און די אויגען זיך אויסגעקוקט, ווי די יונגע פויערים שטיפען מיט די שיקסעס, טאנצען א ראד, א שווינדעלדיגען ראד, און זינגען אריין זייערע געזאנגען, אז די קרעטשמע הילכט און ציטערט....

און נעמט מען זי אריין איבער געוואלד אין אלקער און מען לייגט זי שלאפען מיט נחמה'לען אין בעט, ליגט זי מכלומר'שט מיט פארמאכטע אויגען ביז יענע שלאפט איין. קוים שלאפט יענע איין, שפּרינגט זי אראפ פון בעט, זומער און ווינטער, בארוועסרהייט און קוקט אריין דורכ'ן לאך פון שליסעל, דורך א שפּארע אין טיר, צי אין פרייסישען ווענטעל. טרעפט זי די מוטער און רייסט זי אפ, ברענט איר דאס לייב ווי אין א פיבער, און די אויגען שפּריצען מיט פונקען, אז דבשה דערשרעקט זיך און לויפט צוריק אריין צו יחיאל-מיכל'ען און דערציילט אים.

—מען זאל קאנען פריהער חתונה מאכען די יינגערע! — זיפצט יחיאל-מיכל.

— מען דארף עמיצען פרעגען — ענטפערט דבשה....

דערווייל מאכען זיך ווייטער מניעות, ביז עס טרעפט זיך אזא מעשה:

.3

דער פריץ פון דארף, דער גראף הייסט עס, האט געהאט א זון, א בן-יחיד. האט ער אים אויפגעצויגען אין פאריז, ווי דעמאלט דער שטייגער איז געווען ביי גרויסע פריצים. קומט ער צופארען איין מאל אין יאר אויף א קורצע צייט, אויף וואקאציע, זעהט מען אים אויך נישט: א יונגער פריץ, רייט ער ארום-טעג און נעכט אין די וועלדער אויף געיעג. די פעלכלאך פון די האזען און אנדערע חיות קריגט יחיאל-מיכל פון קיך ארוים בחצי חנם.

מאכט זיך איינמאל אבער א גרויסער היזק — פייער איז געפלויגען אין לופטען; רייט ער דורך איבער'ן וועג ביי דער קרעטשמע, פאלט אים איין, שפרינגט ער אראפ פון מילך-ווייסען פערד, בינדט עס צו צו דעם צוים, און שפרינגט אריין אין קרעטשמע, און הייסט געבען א גלאז מעד.

דערלאנגט אים יחיאל-מיכל מיט ציטערדיגע הענט א גלאז מעד. נעמט דער יונגער פריץ צום

מויל און גיט א זופ און פארקרימט זיך ; ביי זיין פאטער אין קעלער איז פאראן, אפנים, בעסערער מעד, גאט ווייסט, ווי אלט ער איז. ער וואלט אפשר דערלאנגט מיטען גלאז יחיאל-מיכלען אין קאפ אריין, דערזעהט ער אבער מלכה׳לען, ווי זי זיצט אזוי אין עק קרעטשמע מיט פארשטארטע אויגען און א ווייס פנימ׳ל. שטעלט ער אוועק געלאסען דאס גלאז, ווארפט אויפ׳ן שענק-טיש א הארטען טאלער און גיט א פרעג!

– משה (ביי גרויסע פריצים הייסען אלע יידען משה), דאס איז דיין טאכטער?

ווערט יחיאל-מיכלען א לאך אין הארץ, שטאמעלט ער, נעבעך: „יא, יא, מיין טאכטער".

און דער יונגער פריץ קוקט און קוקט, און רייסט פון מיידעל קיין אויג נישט אפ. און צו מארגענס קומט ער ווייטער טרינקען מעד.... און אזוי אוי-פען דריטען און פערטען טאג.... נעמט מען דאס מיידעל און מען באהאלט פון אים, בייזערט ער זיך, ער זאגט ניט פארוואס, נאר ער דריהט די שווארצע וואנסעלאך און בליצט מיט די אויגען. גיט ער אמאל א זאג, אז יחיאל-מיכל צאלט ווייניג פאר די קרעטשמע.... אז פראנער יידען באטען גרויסע הוספות... און דאס איז אמת געווען, נאר דער אלטער פריץ האט זיי קיינמאל נישט געלאזט אי-בער דער שוועל; א גרויסע זאך: א ייד זיצט, זאל

ער האבען פרנסה... ווערט יחיאל-מיכלען נישט היימליך. בפרט, אז מלכה׳לע געהט נאך מער ארום אויפ׳ן עולם הדמיון, רעכענט ער טאקע צו פארען זיך מתיעץ זיין קיין פראג. מאכען זיך אבער ווייטער מניעות, און דער יונגער פריץ קומט אלץ יעדען טאג, איינמאל גיט ער פון דער העלער הויט א זאג:

— משה, פארקויף מיר דיין טאכטער! טרייסעלט זיך יחיאל-מיכלען די ווייסע בארד, און עס ווערט אים חושך אין די גרויע אויגען.

לאכט ער, דער פריץ:

— זי הייסט עסטערקע? — פרעגט ער.

— ניין. מלכה הייסט זי....

— זאל זיך דיר דאכטען, — זאגט ער, — אז זי הייסט אסתר, און דו — מרדכי, און איך — אחשורוש. וואס? מיין נישט, איך וועל איר ארויפזעצען א קרוין אויפ׳ן קאפ! נאר דו קריגסט די קרעטשמע אומזיסט און אויף אייביג, פאר קינדער און קינדם-קינדער!

און ער גיט אים א צייט אויף ישוב......

.4

ועהט יחיאל-מיכל, אז עס איז שלעכט, שפאנט ער פארטאג איין פערד-און-ביטקע, כאפט זיך אראפ קיין פראג, פארפארט גלייך צום רב און ראש-ישיבה טרעפט ער אים ביי דער גמרא, נעמט ער „שלום-עליכם" און גיט תוך כדי דיבור א פרעג:

— רבי, צי מעג מען חתונה מאכען א יינגערע פאר אן עלטערע?

לייגט דער ראש-ישיבה די עלענבויגען אויף דער גמרא און ענטפערט אים:

— ניין, יחיאל-מיכל,לא יעשה כן במקומנו... נישט קיין יידישע זאך. און דערמאנט אים די מעשה מיט יעקב ולבן.

— איך וויים — זאגט יחיאל-מיכל — אבער אז מען מוז?

— דהיינו?

נעמט יחיאל מיכל און גיסט אויס פאר'ן פראגער צדיק זיין ביטער הארץ, דערציילט אים אלץ כהויה, פארטראכט זיך דער פראגער צדיק און זאגט:

— מילא, בשעת הדחק שאני!

דערציילט יחיאל-מיכל דעם צדיק „את כבוד עשרו", וועגען די ה' מאות טאלער, און דערמאנט אים זיין צוואג, וועגען אויסקלויבען א חתן פון דער ישיבה.

פארטראכט זיך דער פראגער צדיק, שפארט אן אויף א ווײלע דעם קאפ אויף די עלענבויגען איבער דער גמרא און הויבט אויף דעם קאפ און זאגט אים:

— ניין, יהיאל-מיכל, דאס קאן איך נישט.

— פאר וואס, רבי, — פרעגט יהיאל-מיכל פארציטערט: — האט דען מיין מלכה'לע, חס ושלום, א זינד אויף דער נשמה? א יונג קינד, א יונג בוימעלע, ווי מען בוינט עס...

— חס ושלום! — ענטפערט דער ראש-ישיבה — איך זאג נישט, אז זי האט, חס ושלום, גע-זינדיגט, דאס האב איך בכונה נישט געהאט.... נאר עס פאסט נישט. הער, יחיאל-מיכל, דיין טאכטער האט נישט געזינדיגט, אבער, אבער אנ-גערירט, פארשטעהסטו, א ביסעל אנגערירט איז זי דאך... און דער עיקר — זאגט ווייטער דער ראש-ישיבה — מיין איך דיין טובה דערמיט ווארום השגחה, דארף דיין טאכטער, השגחה פון א מאן, און טאקע פון א מאן — א מענש, א סוחר.... חוץ דעם — השגחה פון שווער און שוויגער.... פון שטוב-לייט.... ווי עס איז, מען דארף איר ארויסשלאגען פון קאפ... זי דארף דעריבער אריינ-קומען אין א הויז.... אין א הויז מיט א סך אוי-ערן און אויגען.... מיט'ן יצר-הרע, אז ער כאפט זיך אריין, מוז מען שטארק מלחמה האלטען....

עס איז א מין ביטערער כריין, מען זייהט אים נאר איין מאל, און וואקסען וואקסט ער אייביג.... דו רייסט, און ער וואקסט!.... וואס, ניין?

יחיאל-מיכל מוז, נעבעך, צושאקלען מיט'ן קאפ אויף יא.

— און אצונד, — זאגט ווייטער דער צדיק, — הגע בעצמך, לייג צו קאפ, יחיאל-מיכל. למשל, איך וויל זיין א גוטער און האלטען ווארט, — עס איז דאך נאריש, צוגעזאגט האב איך דיר, — און איך וויל זיין אן עומד בדיבורי און טון דיין רצון; און נעם און גיב דיר פאר אן איידים א בחור פון דער ישיבה. הייסט עס: אן ארים-בחור, א פאר-לאזט ייגנגעל... נו וועט גוט זיין?

וואס איז דאס ייגנגעל? א בן-תורה......

ער וועט זיצען און לערנען.... מער ווייסט ער נישט און וויל נישט וויסען און טאר נישט וויסען...

און וואו וועט וואוינען דאס פאר-פאלק?

צו דיר אין דארף ארייין אויף קעסט וועסטו דאך דאס פאר-פאלק נישט נעמען?

— אוודאי נישט, כל זמן דער יונגער פריץ איז דא!

— און ווער ווייסט, ווי לאנג ער וועט זיין?! א קשיה אויף א פריץ! זיי, אז עס פאלט עפעס אין די אויגען אריין! ער האט אנדערע זארג! פרנסה פעלט אים?.... הכלל צו זיך אויף קעסט

נישט. לאזטו זיי איבער אין פראג. דינגסט א דירה און לאזט זיי איבער און שיקסט אויף פרנסה. נו, וואס טוט דאס פאר-פאלק? ער, דער יונגער מאן, זיצט ימים ולילות אין בית־המדרש על התורה ועל העבודה — און זי? דאס יונגע ווייבעל וואס טוט? וואס פאר א הוריות טראכט זי? אויף וועלכען עולם הדמיון געהט זי ארום?

— גערעכט, רבי — איז יחיאל־מיכל מודה מיט א הייזעריג קול — וואס דען טוט מען?

— וואס עם לאזט זיך! — ענטפערט דער ראש-ישיבה — און איך וועל דיר העלפען. איך אליין וועל שיקען נאך א שדכן און זאגען אים, וואו אהין ער זאל געהן ... — עס זאל זיין א הויז מיט מענשען, מיט א שטאט, מיט א ביסעל עולם-הזה, נאר בהיתר, נישט באסור ... וועסט זעהן, מיט זיין ליבען נאמענס הילף!

— דערפאר יחיאל-מיכל, — טרויסט ער אים, — אז דו וועסט קומען צו מיר וועגען דער צווייטער טאכטער, און גאט וועט דיר העלפען, און וועסט האבען א קניפעל — קריגסטו, זאג איך דיר, א הדר, מיט גאלד אפ צו וועגען....

דערוויל מאך חתונה... .

.5

וכך הוה.

אויפ'ן ראש-ישיבה'ס באראט, און בסוד סודות האט מען מיט מלכה'ן א בעל-בתי'שען שידוך געטון. און מלכה האט ביז דער לעצטער רגע נישט גע-וואוסט, נאך וואס עס קומען שניידער און מעסטען איר אן קליידער, און פארוואס מען וועקט זי אויף פארטאג און מען פירט זי אוועק קיין פראג...

און אז זי האט שוין פארשטאנען, וואס דאס באטייט, האט זי אויך קיין ווארט נישט גערעדט. די יונגע נשמה האט זיך ביי איר ווי אפגעשלא-סען.

וואס עס האט זיך ביי איר אין הארץ געטון, האט קיינער נישט געוואוסט; אבער פון אויבען אויף האט זיך געדאכט – אויף אלע בנות ציון געזאגט! טאקע מיט אלע מעלות... א ביסעל צו בלאס, עפעס שטענדיג די אויגען אראפגעלאזט — מאלע וואס? פריהער האט עס געהייסען כלה-חן, דערנאך: אזוי האט זי שוין זיין ליבער נאמען באשאפען, און סיי ווי סיי — א יפהפיה! א פארנעמעניש! און אדרבא! זי געהט אן דער שוויגער נישט קיין טריט, זי בעט זיך אפילו קיינמאל גאר נישט אויס..... וואס מען גיט איר, עסט זי; וואס און ווען מען דערלאנגט איר, טרינקט זי; און וואס פאר א קלייד מען וויל, טוט זי אן. ציכטיג, שטיל און שען. און

שבת, אז זי טוט אן דאס שווארץ-אטלעסענע קלייד מיט דער גאלדענער שפאנקע, נעמט אויפ׳ן אלבא-סטערווייסען האלז די פערל, און עס באמבלען זיך איר ביי די אויערן די׳ בריליאנטענע אויערינגלאך, בלייבען ווייבער שטעהן אין די גאסען, און גאפען׳ און מ׳ען זאגט: א פרינצעסין... און זי, גלייך מען מיינט נישט זי, געהט זיך ווייטער שטיל און ציכטיג, צווישען שוויגער און שוועגערינס אין דער ווייבערשער שול אריין, שטעלט זיך נעבען דער שווי-גער ביי דער גראטע און לאזט אראפ די ויידענע ברעמען, און עפענט מיט׳ן ווייסען הענטעל די זיל-בערנע קלאמערס פון סדור מיט׳ן גאלדענעם שניט, און די ליפעלאך הויבען אן צו ציטערן, צו ציטערן...

און א גאנצע וואך? יעדען פארנאכט?

— וואוהין ווילסטו היינט געהן שפאצירען, מלכה?

זי זאגט נישט וואוהין; וואו מען געהט, געהט זי... און אז מען געהט פארביי פאר א פענסטער מיט צירונג, שטעלען זיך אלע אפ און קוקען, מלכה נישט. זי שטעלט זיך אפ, ווייל זיי שטעלען זיך אפ, אבער קוקען, קוקט זי אין דער לופט אריין...

זאגט מען: וואס דארף זי צירונג, זי אליין איז צירונג!

בפרט, אז דער יונגער-מאן פילט אן איר די נשמה נישט. ער היט זי, ווי אן אויג אין קאפ, ווי

דאם שווארץ-אפעל אין אויג....

און אזוי אלץ....

כון אויבען אפגעטאקט, אפגעשניצט און ריין,
ווי שענער קריסטאל.... אבער אינעוויינינ?

אינעוויינינ איז געלעגען די קרעטשמע מיט׳ן געזאנג און טאנץ און געשפילעריי.... אין הארץ האט צווישען איר און דער וועלט ארומגעשוועבט דער פארטרעט פון יונגען פריץ.... קוים פארמאכט זי די אויגען, צי אין שול ביי דער גראטע, צי מוצאי שבת צו „גאט פון אברהם“, צו ביי שבת-ליכט בענשען, צושפילט זיך אין איר דער כח-הדם, טאנצט זי, רחמנא ליצלן, מיט׳ן פריץ, און מיט׳ן ראד אין קרעטשמע נאך שניט.... אדער זי רייט מיט אים צוזאמען און טרייבט אויפ׳ן ווייסען פערד, ווי מילך, איבער וואלד און טאל.... און בפרט, אז עס געגעהענט זיך צו איר דער מאן, אין דער רגע שליסט זי די אויגען צו און האלזט, און קושט — וועמען? דעם יונגען פריץ האלזט זי און קושט...

בעט זיך ביי איר דער יונגער מאן — אירע שענע אויגען האט ער ליב געהאט — בעט ער זיך: לעבען מיינס, עפען דיינע שענע אויגען, דיינע טוי-ערן פון גן-עדן אויף! — בשום אופן נישט! וויל ער א מאל (א יונגער מאן!) אויספירען, וויל ער זיך מכלומר׳שט אפרוקען. האלט זי אים מיט די ארימס, ווי מיט צוואנגען.... דערשרעקט ער זיך

פלוצלונג און וויל זיך אויסרייסען, בעט זי זיך מיט
א פאר'חלש'ט קול:

— פריץ מיינער, אדלער מיינער....

מיינט ער — אזוי ליב האט זי אים, אז ער
איז איר פריץ, איר אדלער.... „דארך־לשון" —
טראכט ער; און זאל זי נישט עפענען די אויגען,
אז זי שעמט זיך!

.6

און אזוי האט מלכה אפגעלעבט א יאר נאך א יאר. קיין קינדער האט זי נישט געהאט און געלעבט האט זי — נישט מיט'ן מאן ...

צו וואס איז דאס געגליכען? צו אן עפעל, וואס הענגט, דאכט זיך, געזונט און פריש אויף א גרינער צווייג, אויף א גאלדערנעם עפעל—בוים, און די הויט פון אויבען איז געראָיטעלט, ווי דער מזרח איידער די זון באווייזט זיך, און א פרישער הויך, ווי פון גן-עדן, ליגט אויף אים: אזוי שמע-קענדיג, אזוי פארנעמיש, אבער אין אמת'ן אריין איז געזונט און פריש נאר די הויט, די שאל פון אויבען. אינעווייניג אבער האט שוין אלץ דער וואָ-רים אויסגעגעסען .....

אבער פונקט להיפך האט זיך אויסגעשניטען דאס מזל פון יחיאל-מיכל'ס עלטערער טאכטער— נחמה. ביי יחיאל-מיכלען אליין האט זיך, אלץ איבערגעקערט, און, ווי עס טרעפט זיך, דוקא מיט דער פוטער אראפ ....

אפגעשפילט און אפגעטאנצט אין פראג, איז יחיאל-מיכל אהיים געפארען פון פראג אין גאנ-צען מיט עטליכע מטבעות אין קעשענע און, ווי ער קומט צו צו דער גרענעץ פון דארף, דערזעהט ער, ווי זיין גאנץ כלי-בית מיט די בעטען, מיט די טי-

שען און בענק פון קרעטשמע ליגען אויפ'ן פרייען פעלד און א פויער פון פריצ'ם הויף שטעהט דער-ביי ווי א שומר.

און דער שומר לאזט אים שוין נישט אריינ-פארען אין דארף אריין.... עס ווייזט זיך ארויס, אז בשעת ווען ער האט געטאנצט אויף דער יינגע-רער טאכטערס חתונה, האט אים דערווייל עמיץ אויסגעדונגען די קרעטשמע, א גרויסע הוספה גע-געבען, און דער יונגער פריץ האט איבערגעדייבערט דעם אלטען פריץ, ער זאל נעמען די הוספה.... און דער ייד זיצט שוין אין קרעטשמע!

הויבט אן דאס ווייב, מיט דער טאכטער צו וויינען, צו חלש'ן. בעט זיך יחיאל-מיכל ביים שומר, ער זאל אים כאטש אריינלאזען א ווארט רייי-דען מיט'ן אלטען פריץ, נעמט דער שומר אראפ די ביקס, וואס האט אים געהאנגען אויף די פלייי-צעס און זאגט: ער וועט שיסען! ער וועט מוזען שיסען, זאגט ער.

א היימישער פויער געוועז, טרערען אין די אויגען האט ער געהאט; נאר אז דער פריץ האט געהייסען, וואלט ער אודאי געשאסען! זעהט יחיאל-מיכל, אז עס איז פארפאלען, און צוריק אריינפא-רען קיין פראג האט ער נישט מיט וואס; נאך דער חתונה איז אים קוים עטליכע רענדלאך געבליבען; און מיט זיין ארימקייט דער אויסגעגעבענער טאכ-

טער די אויגען פארשווארצען, וויל ער אויך נישט נעמט ער דאס ווייב און נחמה'ן, די טאכטער, און פארט מיט זיי אריבער צו אן אנדערן פריץ אין א דארף אריין, נאך ווייטער פון פראג, און בעט ביים פריץ רשות, און עפענט זיך א געוועלבעל מיט זאלץ, בעקער-ברויט און אנדערע קליינע סחורות אין דארף און לאזט איבער דאס געוועלבעל אויפ'ן ווייב מיט דער טאכטערס באראט, ער אליין אבער לאזט זיך אויף דער וועלט צו פראצעסירען מיט יענעם פריץ, ווייל דער קאנטראקט איז נאך ניט געווען אויסגעגאנגען און אויך צו האבען דין-תורה'ס מיט'ן יידען, וואס האט אים משיג-גבול געווען... נאר עס געהט נישט אזוי געשווינד, ווי עס רעדט זיך, בפרט מיט ליידיגע הענט, געדויערט א פאר יאר! פארשפילט ער דעם פראצעס מיט'ן פריץ און זיצט אפּ א צייט אין תפיסה פאר די הוצאות פון פראצעס, דעם דין-תורה קעגען משיג-גבול געווינט ער סוף כל סוף, נאר דער משיג-גבול וויל בשום אופ'ן וצד דעם פסק נישט האלטען; און דער פראגער צדיק, וואס האט כוח געהאט צו נויטען, איז דער-ווייל נסתלק געווארען, און פראג זוכט און זוכט א רב און קען דערווייל נישט צוקלויבען זיך, און לית דין ולית דין. קומט ער, יחיאל-מיכל, אהיים נאך א פאר יאר אן אויסגעמאטערטער, אן אויסגע-הונגערטער און לייגט זיך קראנק אין בעט אריין

און ליגט אפּ א פּאר וואכען און שטארבט; לעבט
אים דאס ווייב זיינס לאנג נישט איבער, און נחמה
ווערט א יתומה, איינע אליין אין דארף, ווי א שטיין.
לייזען לייזט מען נישט... עס איז נישטא פאר וואס
צו לייזען... און די יונגע פויערים, זייט זי איז
אליין געבליבען, לאזען זי נישט רוהען, טרייבען
קאטאוועסלאך, בייזערן זיך, פאר וואס זי לאזט זיך
נישט אנרירען, די יידישע קבצנ׳טע...

שרייבט זי איין בריוו און א צווייטען צו דער
שוועסטער קיין פראג, לעבט אבער די שוועסטער
אין פראג, ווי מיר ווייסען, אין א עולם התוהו און
לייענט נישט קיין בריוו... באקומט די פארלאזטע
יתומה קיין תשובה נישט; הויבט זי זיך אויף ביי
נאכט און פארמאכט דאס ליידיגע קרעמעל און גנב׳עט
זיך פון דארף ארויס צו פוס; זי לאזט זיך געהן
אויף גאטס באראט, אז זי וועט טרעפען צו דער
שוועסטער קיין פראג, א שוועסטער איז דאך קיין
שטיין נישט....

.7

געהט זי אזוי מיט א שטיקעל ברויט אין דער
האנט פון דארף ארויס, קומט זי צו צום וואלד,
האט זי מורא פאר חיות רעות. געהט זי נישט טיף
אין וואלד אריין, גראבעלט זי זיך ארויף אויפ'ן
ערשטען בעסטען בוים און וויל איבערוואַרטען ביז
עס וועט טאג ווערען צווישען די צווייגען אויפ'ן
בוים. ליגט זי אזוי א ווײַלע, דערהערט זי אין מיטען
קריאת-שמע לייענען, ווי הינט בילען און לויפען.
און דאס געלויפעריי און געבילעריי קומט אלע מאל
נעהענטער; פארשטעהט זי, אז עס איז א געיעג
פון פריצים אויף חיות אין וואלד. פארשטופּט זי
זיך נאך טיפער צווישען די צווייגען. און דאס גע-
יעג קומט אלץ נעהענטער און נעהענטער, און א
גאנצע מחנה הינט שפּרינגט צו צום בוים און הויבט
אן שטארק צו בילען; און צוויי רייטער קומען גע-
שווינד אן צו רייטען, כדי צו זעהן, וואס די הינט
בילען אזוי און לויפען אזוי ארום בוים. און די
צוויי רייטער זיינען צוויי יונגע פריצים געווען, און
זיי האבען ארויפגעקלעטערט אויפ'ן בוים, און הא-
בען זי אראפּגענומען איבער געוואלד, און פייער גע-
מאכט און באטראכט, ווער דאס איז; האבען זיי
געזעהן, אז עס איז א יידיש קינד און זעהר א שען
מיידעל, נאר אן אויסגעהונגערטס. זאגען זיי איר, אז

זיי וועלען איר, חס ושלום, קיין שלעכטס נישט טון
ווארום זי לייכט אין דער פינסטער ווי א מארגענ-
שטערן... אז מען דארף זי נאר איבערטון, ווערט
זי שיינען ווי א מלכה, און שמעקען ווי א רויז...
ווערט איר, פארשטעהט זיך, א לאך אין הארץ.
דערוויל, הערט זי, צוקריגען זיך די יונגע פריצים;
יעדער וויל זי נעמען צו זיך, יעדער טענה'עט, אז
זי איז זיין, אז דאס האט זי זיין הונט צום אלעם
ערסטען דערשפירט... בלייבט, זיי זאלען זיך
שיסען, און ווער עס וועט לעבען בלייבען, דער זאל
זי נעמען. שטעלען זיי זיך איינער קעגען צווייטען
און ווילען שוין אנהויבען צו שיסען. האבען זיי
אין מיטען א ישוב, זיי וועלען בעסער ציהען קניפ-
לאך, און איינער, וואס האט ארויסגעצויגען דאס
קניפעל, האט זי ארויפגעצויגען צו זיך אויפ'ן פערד
און איז מיט איר גאלאפ אוועקגעריטען צו זיך אין
פאלאץ אריין... חלש'ט זי...

און אז זי האט זיך צו מארגענס אויפגעכאפט
ביים פריץ אין פאלאץ— — — —
— — — — — —
— — — — — — —

.8

און אז זי איז ביים פריץ אין פאלאץ צו זיך געקומען און דערזעהן, אז ער האלט זי אויף דער שויס, און האט דערפילט, אז ער קושט זי און האלזט זי... האט זי פארשטאנען, אז עס איז פארפאלען, אז זי וועט זיך שוין נישט ראטעווען, האט זי זיך נאר געבעטען!

– פריץ-לעב, איך בין ביי דיר אין די הענט. און דו ביזט צו שטארק, איך זאל מיך ווערען קעגען דיר, און איך האב שוין נישט מיט וואס זיך צו ווערען... בעט איך ביי דיר נאר איינס: האב אויף מיר רחמנות און זאג מיר נאר די איינציגע זאך צו: האסט מיר פארזינדיגט דעם גוף, פארפאלען! פארזינדיג מיר כאטש נישט די נשמה, לאז מיך ביי מיין אמונה... און ביי מיינע מחשבות... לאז מיך טראכטען און קלערען, וואס איך וויל....

דער פריץ האט אפילו נישט רעכט פארשטאנען, וואס זי מיינט דערמיט, נאר באמת ליב געקריגען האט ער זי, האט ער איר צוגעזאגט..... געמיינט האט ער: און וואס שאדט עס אים? חתונה האבען מיט איר וועט ער סיי-ווי-סיי נישט. איינמאל האט ער איר אפילו געקויפט ביי א יידען אין פראג א סידור. און האט איר געבראכט א מתנה. זי האט גענומען דעם סידור מיט פרייד,

נאר באלד פון דער האנט ארויסגעלאזט אויפ'ן
טיש... „מיינע הענט — האט זי געזאגט — זיינען
נישט ווערט די ריינקייט צו טראגען"
וואונדערט זיך דער פריץ און שווייגט.

---

און ביים פריץ אין הויף האט נחמה געפירט
א לעבען, וואס איז געווען גאר דער היפך פון לע-
בען, וואס די שוועסטער האט געפירט אין פראג...
ביידע האבען פארמאכטע אויגען געהאט, ארומגע-
גאנגען פרעמד און פאר'חלומ'ט. נאר בשעת ווען
מלכה האט געזינדיגט מיט דער נשמה אין א ריי-
נעם גוף, האט נחמה, פארקערט: אפגעלאזט דעם
גאנצען גוף און ריין געהאלטען די נשמה...

עס געהט צו איר צו דער פריץ, — פארמאכט
זי די אויגען און טרכט: „די מאמע קושט מיך"...
עס האלזט זי און עס קושט זי די מוטער און לערנט
זי ברכה זאגען, און „גאט פון אברהם" זאגען...
ער וויל זי זאל אים ליב האבען...

זי האט ליב, שטארק ליב — די מוטער! זי
נעמט ארום די מוטער... „נאך אמאל, מאמעשי:
„תורה צוה לנו"... שעפציעט זי... און מיט די
זינדיגע ליפען רעדט זי אפילו די ווערטער נישט
ארויס... אין דער נשמה ווימלען זיי ביי איר, דארט
לייכטען זיי טיף, טיף אינעווייניג.....

---

.9

לעבען לעבט מען נישט אייביג,ביידע שוועס-
טער איז קיין לעבען נישט באשערט געווען.......
און אז די נשמות האבען זיך אפגעטיילט פון
גוף, איז דער ייננערערס, מלכה'ס נשמה, וואס איז
געווען דורכגעפלעקט פון זינד, ארוים, ווי א שוואר-
צע קראה, פון ווייסען גוף, און איז באלד ערגעץ
פארפאלען געווארען אין כף הקלע... דער עלטע-
רערס, נחמה'ס, ווייסע, קלארע נשמה אבער, קוים
האט זי זיך באפרייט פון זינדיגען גוף, האט זי זיך
לייכט און שטיל ווי א טויב אויפגעהויבען אין דער
הויך צום הויכען הימעל. פאר'ן טויער איז זי אפילו
געבליבען שטעהן פארציטערט, נאר גאטס רחמנות
האט זיך צו איר באוויזען, און האט איר געעפענט
דעם טויער, און האט זי געטרייסט, און אויסגעווישט
די טרערען פון די אויגען.

פון דעם אלעם אבער האבען מענשען אויף
דער ערד נישט געוואוסט...... די פראגער גבירה
האט געהאט א גרויסע לויה. מען האט איר אויך א
גרויסען הספד געמאכט, עס האט א מטמון געקאסט!
און מען האט זי אויבען-אן אויפ'ן בית-החיים, צווי-
שען אלע צנגעות, געלייגט, און צום יאר האט
מען איר א גרויסע מצבה מיט אלערליי אויסגע-
קריצטע שבחים געשטעלט....

אבער אז דער פריץ האט דער עלטערערס גוף קיין פראג געשיקט .... האט קיין חברה-מאן נישט געוואלט זיך צורירען צום זינדיגען גוף, האט מען צו דער טהרה פראסטע טרעגער געדונגען און מען האט זי איינגעהילט אין אן אלטען זאק און אריינגעווארפען אין א גרוב ערגעץ אונטער'ן פלויט..

א מענש זעהט נאר פון אויבען...

.10

און אין א צייט ארום, אז מען האט צוגענו- מען א שטיק פון אלטען פראגער בית-עלמין צו דער שטאט, ברייטער צו מאכען א גאס, און מען האט אויסגעגראבען די קברים, איבערצופירען די אי- בערגעבליבענע ביינער, האט א קברן געעפענט נחמה'ס קברביים פלויט, און נישט מער געפונען, ווי א שארבען, — פון לייב און דעם רעשט ביי- נער איז קיין שריד ופליט נישט געבליבען... און ווען ער האט נישט ווילענדיג מיט'ן פוס אוועקגע- שטופט דעם שארבען, איז ער אפגעשפרונגען און איז ערגעץ פארוואלגערט געווארען... און איז שוין צו קבורה נישט געקומען.

דער קברן אבער, וואס האט געעפענט מלכה'ס קבר, האט זי געפונען אינגאנצען גאנץ און פריש כמעט מיט א פרישען שמייכעל אויפ'ן ווייסען פנים...

דאס הייסט א צדקת! — האבען מענשען גע- זאגט. — די ווערים האבען אויף איר קיין שליטה נישט געהאט...

ווארום אזוי טראכטען און זאגען מענשען, וואס זעהען נאר מיט די אויגען פון אויבען-אויף און ווייסען קיינמאל נישט, וואס אין הארץ טוט זיך, וואס ביי עמיצען אויף דער נשמה איז...

## פערלאַג „עזר לילדים“ ליבוי

ענדליך נאך פיעל מיהע אונד גרויסע קאס-
טען איזט דעם פערלאג געלונגען ארויסצוגעבען
דעם געווינשטען לעהרבוך

# „מראה עינים“

1 טהייל פון מ. מנוסוויץ.

די יעניגען וועלכע עס זיינען פעראינטערע-
סירט צו בעקומען דעם לעהרבוך, זאלען מיט
זייערע בעשטעלונגען ניט פערשפעטען, וויל צו-
ליעב דעם מאנגעל אין פאפיר איז דער פערלאג
געצוואונגען דעם לעהרבוך ארויסצולאזען אין א
באגרענצטע צאהל עקסעמפלארען.

מיט בעשטעלונגען זיך צו ווענדען אן
פערלאג „עזר לילדים“ ליבוי,
העלענענשטראסע 8.

# אין פארלאג „די צייט" ליבוי

העלענענשטר. 8.

זיינען פארלויפיג ערשינען פון דרוק:

1. № א. מ. ווייסענבערג „דור הולך ודור בא"

2. № י. ל. פרץ „דריי מתנות".

3. № שלום עליכם „די ערשטע קאמונע"

4. № י. ל. פרץ „אראפגעלאזטע אויגען".

## ס'דרוקען זיך:

שלום עליכם „אלעמען גלייך" (א אוטאפיע)

ד. פרימאַן „דעם גולם" (א מעשה).

# אין פארלאג „יבנה“

ריגא, ריימערשטר. 1. ליבױ, העלענעשטר. 8

ווינען פארלויפיג ערשינען פון דרוק:

1. № א. מ. ווייסענבערג „דור הולך ודור בא“

2. № י. ל. פרץ „דריי מתנות“.

3. № שלום עליכם „די ערשטע קאמונע“

4. № י. ל. פרץ „אראפגעלאזטע אויגען“.

## ס׳דרוקען זיך:

שלום עליכם „אלעמען גלייך“ (א אוטאפיע)

ד. פרישמאַן „דער גולם“ (א מעשה).